## I

## דאָס יידישע „פאָלקסבלאַט“ אין פעטערבורג

אין אַ הייסן זומער־טאָג פון יאָר 1881, אין פעטערבורג, האָט מיך דער צייטווייליקער רעדאַקטאָר פון „ראַזסוועט“, מאַרק וואַרשאַווסקי, צוגערופן און געזאָגט: „צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ“, וויל אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף זשאַרגאָן (דאָס וואָרט „יידיש“ האָט נאָך קיינער נישט באַנוצט) פאַר דעם יידישן המון, און בעט, אַז דער „ראַזסוועט“ זאָל אונטערהאַלטן זיין פּלאַן. אפשר וועט איר אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן דער באַדייטונג פון אַזאַ פאָלקס־צייטונג? אויב יאָ, גייט אַריין צום אַלטן און באַקומט פון אים גענויע ידיעות וועגן זיינע פּלענער און מעגלעכקייטן“.

איך בין אַריין צו צעדערבוימען אין זיין גרויסער וווינונג אויף ליטייני פּראָספּעקט. אַן אַלטער, אַ ביסל הויקערדיקער יידל האָט מיך באַגעגנט: דאָס איז געווען יענער „צעדער“, ער'ז (זיין ליטעראַרישער פסעוודאָנים), וואָס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אין מיינע קינדער־פאַנטאַזיעס, ווען איך האָב געלייענט דעם „המליץ“, עפּעס ווי אַ שמשון הגבור פון אונזער ליטעראַטור. אויף שלעכטן רוסיש (יידיש רעדן צווישן משכּילים איז דאַן געווען „שאָקינג“) האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון זיין ערשטער יידישער צייטונג „קול מבשר“, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין אָדעס אין די זעכציקער יאָרן, אַלס

אַ ביילאַגע צום „המליץ". אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד האָט ער דערציילט, וויפל צרות ער איז אויסגעשטאַנען פון דער רוסישער צענזור אין ביידע זיינע צייטונגען, ווי ער האָט אַריינגעצויגן אין „קול מבשר" דעם יונגן אַבראַמאָוויטשן — מענדעלע מוכר־ספרים — און נאָך אַנדערע שרייבער פון יענער צייט, און וועלכע סכסוכים ער האָט געהאַט מיט זיינע מיטאַרבעטער — גאָטלאָבער, ליליענבלום א. ד. גל. איצט וויל ער ווידער שאַפן אַ נייע צייטונג אויף זשאַרגאָן, כּדי צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן דעם המון. דער „המליץ" און „ראזסוועט" — פאַר משכּילים און דער נייער אינטעליגענץ, און אַ זשאַרגאָניש „פאָלקסבלאַט" — פאַר פּראָסטע יידן, וואָס פאַרשטייען נישט לשון קודש אָדער רוסיש. דערביי האָט ער זיך באַרימט, אַז נאָר ער האָט געקאָנט קריגן ביי דער רעגירונג אַן ערלויבניש אויף אַ זשאַרגאָנישער צייטונג, ווייל ער איז אַ שטיקל „קרוב למלכות", ער איז נאָנט צו גרויסע תּקיפים אין די מיניסטעריומס. אין פּעטערבורג האָט מען געוווּסט, אַז צעדערבוים איז טאַקע אַ מאַכער אין די זאַכן, ווייל ער קאָן אַריינגיין צו די „גרויסע שררות" אויך פון דער הינטער־טיר.

איך האָב שוין פאַרגעסן אַ סך פּרטים פון יענעם געשפּרעך מיט צעדערבוימען, נאָר דעם אַלגעמיינעם איינדרוק געדענק איך: פאַר מיר, וואָס איז דאַן שוין אַריבער פון עלעמענטאַרער השכלה צו אייראָפּעישע וועלט־פּראָבלעמען, האָט זיך אויפגעדעקט אַ בילד פון די ליטעראַרישע הינטער־קוליסן, און דאָס האָט אַ ביסל פאַרטונקלט מיינע פּאָעטישע פאָרשטעלונגען וועגן יענער העברעישער השכלה־ליטעראַטור, וואָס האָט מיר אין די פריערדיקע יאָרן געשיינט ווי די ליכטיקע זון. אין צעדערבוימען האָב איך דערזען מער אַ געשעפטסמאַן אין ליטעראַטור, איידער אַן עכטן ליטעראַטאָר. זיין פּלאַן וועגן אַ זשאַרגאָנישער צייטונג איז מיר געפעלן געוואָרן. מיר האָבן אַלע, יונגע און אַלטע, געקוקט אין יענער צייט אויף זשאַרגאָן אין ליטעראַטור פון אויבן אַראָפּ, דאָס הייסט: מיר, געבילדעטע, שאַפן פאַר זיך אַ ליטעראַטור אין דער לאַנדסשפּראַך, אין רוסיש, וואָס מוז ווערן די שפּראַך פון

אונזער צוקונפט, און טיילווייז אויך אין העברעיש — די שפּראַך פון אונזער פּאַרגאַנגנהייט; אָבער די אָרעמע אומגעבילדעטע מאַסן, נעבעך, מוזן דאָך אויך האָבן אַ מיטל צו בילדן זיך און אויפהויבן זיך צו אונזער מדרגה — דאַרף מען פאַר זיי שאַפן אַ דערוויילִיקע ליטעראַטור אויף זייער שפּראַך, אויף זשאַרגאָן, ביז וואַנען זיי וועלן אויך זוכה זיין צו רעדן און לייענען אויף רוסיש.

אין דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן פאַרן „ראזסוועט" אונטער דעם טיטל „אַ יידישע צייטונג פאַרן פאָלק", בין איך אויך געשטאַנען אויף דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, נאָר מיט אַ שטאַרקן רוק צו דעמאָקראַטישקייט. איך האָב באַוויזן, וואָס פאַר אַ מעכטיקע בילדונגס-קראַפט עס ליגט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך פאַר מיליאָנען יידן, און וואָס פאַר אַ גרויסן פעלער עס האָבן געמאַכט אונזערע משכּילים, וועלכע האָבן ביז אַהער מבטל געווען דידאָזיקע קראַפט, אָדער באַנוצט זשאַרגאָן אין ליטעראַטור נאָר צו צוועקן פון בדחנות אָדער נאַרישע מעשהלעך. איצט, ביי דעם שרעקלעכן פּאָליטישן קריזיס אין פאָלקסלעבן, נאָך די נייע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אָט ערשט אָנגערירט די גרויסע יידישע מאַסן און געבראַכט צו דער גרויסער עמיגראַציע, מוז מען שאַפן אַ צייטונג, וואָס זאָל זיין פאַר זיי אַ וועגווייזער.

אַזוי האָט אין האַרבסט 1881 אָנגעהויבן אַרויסגיין אין פּע-טערבורג וועכנטלעך „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט" און האָט עק-זיסטירט ביזן יאָר 1890. דאָרטן האָבן געדרוקט זייערע ערשטע זאַכן ספּעקטאָר און שלום-עליכם; דאָרטן האָט געשריבן זיינע שיינע הומאָריסטישע לידער מיין פּעטערבורגער פריינט פרוג, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ שם אַלס איינער פון די בעסטע ר ו ס י ש ע דיכטער. אין „פאָלקסבלאַט" גופא האָט ער אָפּגעלאַכט פון זשאַרגאָן, „דער שפּראַך פון ווילנער מאַרק און דענעבורגער יאַטקע", און פונדעסטוועגן זענען די לידער זיינע אַ צירונג פאַר אונזער פאָלקס-שפּראַך און באַווייזן גראָד דעם היפּוך פון דעם, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין זיינע

פעליעטאָנען. אַזוי איז שוין געווען די מאָדע: דאַלטן פון זשאַרגאָן קאָנען נאָר אָפּגעשטאַנענע מענטשן.

טראַגי-קאָמיש איז געווען די באַציונג צו דער פאָלקס-שפּראַך מצד איינעם אַ משכּיל, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דעם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט": דער פּעטערבורגער סוחר ישראל לעווי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויס געשעפט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט (ער איז געווען אייגנטימער פון אַ גרויסער רוסישער דרוקעריי), איז געווען צעדערבוימס אַ שותּף אין „פאָלקסבלאַט", און אין די לעצטע יאָרן (לערך פון 1886 ביז 1890) האָט ער ביי אים איבערגענומען דעם געשעפט און איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. אַן אַלטער פאַרקנאָכערטער משכּיל, האַלב-פרייזיני-קער, האַלב-מיסטיקער, האָט לעווי בתּכלית שנאה פיינט געהאַט דעם „זשאַרגאָן" און האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אין זיין „פאָלקסבלאַט" צו באַווייזן, אַז דאָס איז גאָר קיין לשון נישט און מען דאַרף אים וואָס גיכער אַרויסשטופּן פון דער ליטעראַטור צוליב דער העברעישער אָדער רוסישער שפּראַך. איך געדענק לאַנגע אַרטיקלען פון לעווי מיט אַזאַ נוסח און זיין שאַרפע פּאָלעמיק מיט אייגענע מיטאַרבעטער, די זשאַרגאָ-נישע שרייבער, וואָס פלעגן מיט זייערע טאַלאַנטפולע ווערק באַווייזן דעם קעגנטייל, אַז די יידישע ליטעראַטור לעבט און ציט-צו פרישע קרעפטן.

באַזונדערס האָט לעווי פיינט געהאַט זיין בעסטן מיט-אַרבעטער, דעם דאַן נאָך יונגן שלום-עליכמען, און האָט מיט אים שאַרף פּאָלעמיזירט. אין אַ בריוו פון קיעוו, געשריבן אין אויגוסט 1889, קלאָגט זיך מיר שלום-עליכם (איך זעץ איבער פונם רוסישן אָריגינאַל):

„איר זייט דער איינציקער שרייבער, וואָס באַציט זיך מענטשלעך און מיט סימפּאַטיע צום אָרימען זשאַרגאָן (אין יענער צייט האָבן זיך געדרוקט אין „וואָסכאָד" אַ ריי אַרטיק-לען מיינע וועגן דעם אויפלעבן פון אונזער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך — ש. ד.). עס איז שווער אויסצודריקן

דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט, וואָס איך בין אייך שולדיק. איך לעב איצט איבער אַזויפיל רדיפות און אומגערעכטע אָנפאַלן אויף מיר און אויפן זשאַרגאָן, מיט וועלכן מען האָט עפעס מיין נאָמען צונויפגעבונדן, אַז יעדעס גוט וואָרט פרייט מיך שטאַרק. באַזונדערס האָב איך צרות פון איינעם אַ פסיכאָפּאַט, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיינע אומריינע הענט דאָס איינציקע „פאָלקסבלאַט". ער (לעווי) האָט פאַרוואַנדלט דאָס בלאַט אין אַ פּאָמאָיניצע, וווּ ער גיסט אויס שמוץ אויפן זשאַרגאָן און זיינע אָנהענגער, באַזונדערס אויף מיר, — און דאָס האָט ער אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי איך האָב אים אָפּגעזאָגט אין אַ הלוואה פון 6000 רובל... איר דאַרפט זיך נאָר צוהערן, ווי אַן אַרויסגעבער — און אויך דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון אַ זשאַרגאָנישער צייטונג שרייט אין יעדן נומער: „אויף כפּרות דעם שמוציקן זשאַרגאָן!" כּדי אינגאַנצן צו קאָמפּראָמעטירן דעם זשאַרגאָן, דערציילט ער זיינע לעזער אין לייטאַרטיקלען, אין פעליעטאָנען, אין פּאָליטישע און אויסלענדישע כראָניק אַזוינע מעשׂיות, אַז שלום-עליכם רויכערט צען-רובלדיקע ציגאַרן און קויפט-אונטער זיינע קריטיקער (מסתּמא אייך אויך), וואָס רעקלאַמירן זיינע ווערק, — און נאָך אַזויפיל שמוץ, וואָס עס איז אַ שאַנד איבערצוחזרן. און דאָס אַלץ — אין דעם א י י נ צ י ק ן בלאַט פאַרן המון"!..

מיך האָט פאַראינטערעסירט, וואָס דאָס איז פאַר אַ בריאה, דערדאָזיקער ישׂראל לעווי, וועלכן איך האָב פּערזענלעך נישט געקענט, איך האָב דאַן געוווינט אין דער פּראָווינץ. אַמאָל, לערך אין אַ חודש אַרום נאָך דעם אויבן-ציטירטן שלום-עליכמס בריוו, באַקום איך אַ בריוו פון ישׂראל לעווי פון פּעטערבורג, געשריבן אין רוסיש אויפן בלאַנק פון „יידישן פאָלקסבלאַט" (דער נאָמען פון דער צייטונג איז געדרוקט אויף רוסיש און דייטש, אָבער נישט מיט יידישע אותיות). צום בלאַט האָט דער בריוו קיין שום שייכות נישט געהאַט. לעווי האָט איבערגעלייענט עטלעכע קאַפּיטלעך פון מיין חסידות-געשיכטע אין די ביכער פון „וואָסכאָד" און איז נתפּעל געוואָרן. זיין באַגייסטערונג האָט ער אויסגעדריקט

אין יענעם בריוו. אים איז געפעלן געווען דער געדאַנק מיינער וועגן דער טיפקייט פון די חסידישע גרונט-אידייען און וועגן זייער אויסאַרטונג אין דער שפּעטערער צייט. פון זיינע פאָלגנדע בריוו האָב איך דערזען, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן עקזאַל-טירטן מענטשן, אַ געמיש פון ראַציאָנאַליסט און מיסטיקער. איינמאָל קריג איך פון אים אַ בריוו דאַטירט פּעטערבורג, 5-טן מערץ 1890, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך שטיי אויפן וועג און פונדעסטוועגן אייל איך ענטפערן אייך, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך, מיט גאָטס הילף, אַוועקפאָרן קיין ירושלים, כדי צו טאָן דעם רצון פון דעם חובב ציון, הער צעדער-בוים, וועלכער האָט דערצו אָנגעווענדט פּאָליצייאישע מאַכט"... איך בין נשתומם געוואָרן. אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די פּעטערבורגער פּאָליציי האָט אַרויסגעשיקט לעווי פון דער הויפּטשטאָט, ווייל עס האָט זיך דערוויזן, אַז ער האָט אַ סך יאָרן אָפּגעוווינט דאָ אָן „ווינרעכט" — פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, וואָס אַ ייד מוז אויסבעטן ביי דער העכערער פּאָליציי. לעווי האָט געהאַט די לעצטע יאָרן גרויסע סכסוכים מיט זיין שותּף צעדערבוים, און האָט אים חושד געווען, אַז צעדערבוים האָט אים פאַרמסרט ביי דער פּאָליציי. די מעשה איז אַזוי מיאוס, אַז עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז צעדערבוים האָט אַזוינס אָפּגעטאָן.

ווי די מעשה איז, נאָך דעם רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פון דעם „יידישן פּאָלקסבלאַט" האָט מען אין פרילינג פון יאָר 1890 אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג און דורך דעם האָט זיך אָפּגע-שטעלט די צייטונג. עס איז געווען אַ פּלאַן אָפּצוקויפן דאָס רעכט פון אַרויסגעבן — ספּעקטאָר, דאַכט זיך, האָט דאָס געוואָלט מאַכן, — נאָר דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. די צייטונג איז געשטאָרבן, און צען יאָר נאָכאַנאַנד, ביזן יאָר 1900, ווען עס איז דערשינען דער „יוד" אין וואַרשע, האָט אונזער ליטע-ראַטור אַפילו קיין וואָכנבלאַט אין דער פאָלקס-שפּראַך נישט געהאַט.

טרויעריק איז געווען לעוויס סוף. ווי איך האָב געהערט, האָט ער זיך, נאָכדעם, ווי מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון

פעטערבורג, באַזעצט אין זיין געבורטסשטאָט ווילקאָמיר און איז דאָרט געוואָרן אַ פּרוש אָדער אַ בטלן אין בית־המדרש. דער געוועזענער פּעטערבורגער סוחר און רעדאַקטאָר פלעגט זיצן גאַנצענע טעג און לערנען — וואָס: גמרא, פּוסקים, קבלה, חסידות, ווייס איך נישט. אין זיין נשמה האָט זיך געמוזט אויפכאַפּן דער מיסטיקער, דער חבדניק. איך געדענק נישט, ווען האָב איך געלייענט אין יידישע צייטונגען אַ קורצע ידיעה פון אַ פּאָר שורות, אַז אין ווילקאָמיר איז געשטאָרבן דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „יידישן פאָלקסבלאַט" ישראל לעווי, וואָס האָט פאַרן טויט געלערנט אין בית־המדרש. דאָרטן האָט ער אוודאי געמוזט רעדן יידיש...